נאָר פֿלוצלינג דערפֿילן זיי צאַרטקייט אין זיך דורך די גראָבע
פֿאַרהאָרעוועטע הענט

און ציען דאָס איינענע מלבוש אַריבער דעם קאָפּ צו
פֿאַרדעקן די שאַנד...

די מענטשלעכע שפּראַך איז נישט גראָב און נאָך איידל גענוג
צו דערציילן דעם צער פֿון אַן אומגליקלעך האַר'ן...
דיין האַלז, וואָס איז ווייס און ציט אויס זיך צום טויט,
ווי דער האַלז פֿון אַ גוססן שוואַן —

שרייט:
„איך בין דאָס טייג, דאָס צעווירענע פֿלייש, און פֿאַרטויש פֿאַרן לייב
פֿון קראַנקע מעוברתע ווייבער,
וואָס לאָזן די מאַנען צו זיך מער נישט צו!
צו מיר קומען מענער, וואָס טראָגן דעם צער נאָך אין זיך
פֿון יונגע פֿאַרשטאָרבענע פֿרויען,
און ברענגען זייער נאָמען אויף די ליפּן פֿאַר מיר...
און די יונגען, וואָס קומען צו מיר, האָבן פֿאַרשיכּורטע
בייזקייט אין מויל
און ברענען מיין הויט!"

[illegible] וועלט ([illegible]) 1 (1928): 53-64
[[illegible] נומ' 35]



# אויפֿן עולם=התוהו

פֿון יצחק באַשעוויס

I

נאָך יאָרן לאַנג אָפּזיצן אַ פֿאַרשלאָסענער אין אַ באַזונדער חדרל אויפֿן גאָרן און עוסק זיין אין קבלה, האָט שמעון איינמאָל אין אַ שבת-צו-נאַכטס מודיע געווען דעם טאַטן, דעם אַלטן למאַזער רבין, אַז ער גייט אַוועק אין גלות אַריין און וועט מער קיינמאָל נישט צוריקקומען. חדשים פֿריער האָט ער מער נישט געגעסן יעדן טאָג, ווי אַ פּאָר קאַלטע, געבראָטענע קאַרטאָפֿל, פֿלעגט אָפֿליגן גאַנצע נעכט אין דער קאַלטער מקוה, געוואַלגערט זיך ביינאַכט צווישן קראָפּיווע, כּדי זיך אָנצוטון יסורים און פֿלעגט דערנאָך אויפֿשטעכן די ברען-בלאָזן מיט אַ נאָדל. ס'האָבן נישט געפּועלט דער רביצינס געוויינען און דעם למאַזערס טענות, אַז אין הימל וויל מען עס נישט און אַז פֿון די אַלע זאַכן איז יונק די לילית... אַז עקשן, אַ כּעסן, אַ מרוק — האָט שמעון אַפֿילו נישט געהערט, וואָס מ'רעדט צו אים, אויסגעזוכט אויפֿן בוידעם אַן אַלטן, אָפּגעריבענעם, מאָכיק-גרינעם סובּרינעם פּאַלטן, אַרומגעוויקלט די לענדן מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע, פֿאַרגעסן אַפֿילו אָנצוטון דאָס ספּאָדיקל אויף דער שפּיציקער, פֿאַרפֿעדערטע יאַרמולקע, אַריינגעקראָכן אין אַ פּאָר אומגעלומפּערטע, גרויסע, פֿאַרדאַרטע און געלאַטעטע שיך און אין מיטן דער נאַכט זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון דער היים, נעלם געוואָרן, ווי אַ שטיין אין וואַסער... זקנות האָבן מיט איינגעפֿאַלענע מיילער פֿון רכילות געררוימט זיך איינע דער אַנדערער אין די לאַנגע טויבע אויערן, אַז דער פֿאַרשוין האָט ענינים מיט אַ „נישט-גוטס" און אַז מ'האָט אים געזען רייטן אויף אַ צאַפּ און פֿאָרויס איז געלאָפֿן אַ שוואַרצער, קודלאַטער הונט... אין שטעטל האָט מען נאָך פֿריער געשמועסט, אַז שמעון איז צערודערט, פֿירט מחלוקתן מיט טיש און בענק, און אַ דינסט-מיידל האָט געשווירן מיט הייליקע שבֿועות, אַז זי האָט אים געזען שפּילן זיך מיט צוויי קעץ... וואָכן לאַנג דערנאָך איז למאַז געגאַנגען אויף רעדער, מ'האָט געשריבן בריוו, געקלאַפּט

— נאַ, זשרי — האָט ער גערעדט צו זיי מיט אַ גראָב קול און אויף גוייש, כּדי אָפּצונאַרן די קליפּה, אַז ער איז אַן ערל... — פּשאַ-קרעוו...

שמעון איז כסדר געשלאָפן אויף נאַסע לאַנקעס, אויסגעצויגן אָפּגעליגן די נעכט צווישן קאָרן און געמרוקעט צום הימל, זומער און ווינטער געטובלט זיך אין טייך און נישט אויפגעהערט אַרומוואַנדערן איבער מדינות און שטעט, ווו גענעכטיקט נישט געטאָגט, אַרומגעבלאָנקעט זיך מיט אַ פאַרהאַקט מויל און מאַוויימדיק-אויפגעבלאָזענע אויערן, ווי ער זאָל האַלטן אין איין צוהערן זיך צו ווייטע, שטילע שאָרכן. ער איז אין דער צייט געווען אין דייטשלאַנד און אין רוסלאַנד, אומגעגאַנגען אין לייפּציק אויף די ירידים, יעדע סחורה גענומען אין דער האַנט אַריין, גענישטערט, הייזעריק-סודותדיק און מיט אויסגעשפּיצטע אַקסלען געפרעגט אויף פּרייזן, געדונגען זיך שאָקלענדיק דעם קאָפּ אויף „ניין" און אַזוי פון דער העלער הויט זיך אַוועקגעשאַרט צו אַן אַנדער קראָם, איבערלאָזנדיק דעם סוחר אַ פאַרגאַפטן און דערשטוינטן. זיינע טיפע קעשענעס ביז צום זוים זענען פול געווען מיט אַלטע מטבעות, שטיקלעך בורשטין — אָפּגעשפּראָכענע פון צדיקים, פּסולע מזוזות, פאַרצייטישדיקע בריוו און כּתב-ידן — געפונענע אין שול-הויפן, קמיעות — געשריבענע מיט סופריש-כּתב אויף פאַרמעט — אָנגעדאָפּטשעטע מיט שבועות און חרמות, משונהדיקע נעמען פון מלאכים, און צורות פון שדים מיט הינערנע פיס. אין דער טאָרבע, וואָס ר'האָט געטראָגן צווישן אָרעם, האָבן זיך געוואַלגערט אַ צעבראָכענער שופר און ליימענע פייפלעך, אַ פלעדערוויש און אַ לאַנגער פאַרזשאַווערטער חלף מיט אַ הילצערנער שטול. נאָך פון אַלטע יאָרן אַ פאַרביסענער עצבותניק, אַ פּרוש און דם-שונא פון פּשוטע מענטשן, וואָס דינען דעם אויבערשטן ווי בהמות — האָט ער איצט מיט קיינעם נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, נישט געדאַוונט מיט קיין מנין, נישט געגעסן ביי קיינעם קיין שבתים, בשום-אופן נישט געוואָלט ענטפערן אויף קיין רייד, און אויף „שלום-עליכם" — קוים און מיט כּעס דערלאַנגט אַ שפּיץ פון זיין קאַלטער, פייכטער, לענגלעך-דאַרער און בלויער האַנט. אין דעם בית-מדרש, ווו ר'איז געקומען, האָט ער אומגעשפּרייזט אַ געבויגענער פון וואַנט צו וואַנט, געביסן די דינע ליפּן ביז בלוט פון פאַרמוחטקייט, אויסגעזען, ווי ער וואָלט כּסדר געשלונגען צו-גרויסע ביסנס, אַז די אָדערן אויף די שלעפן האָבן געהויבן זיך און געציטערט. האָט זיך אַמאָל צו אים



טעלעגראַמעס, די מאַמע מיט די מומעס האָבן נישט אויפגעהערט חלשן, טון סגולות און אַפילו שטילערהייט געפרעגט עצות ביי דאָרפישע „זנאַכערס" און מכשפים. דער רבי האָט אומגעשיקט שלוחים, געגעבן רשות מ'זאָל אים ברענגען אַ געבונדענעם. נאָר שמעון, העכער פון אַלע אַרומיקע מיט צוויי קעפּ, אַ שמאָלער, הויט-און-ביין, מיט טיף איינגעפאַלענע לעכער אין די באַקן, מיט אַ הויכן, טיף-ווינקלענדיקן צעשויבערטן שטערן און מיט אַ שפּיציק בערדל, ווי אַ קלין, האָט תּיכּף פאַרגעסן אָן דער היים, אויסבאַהאַלטן זיך אין די וועלדער, געגעסן שוואַרצע יאַגדעס און אינגיכן באַקומען אַ צורה פון אַן ארחי-פרחי, אַ ווילדע בריה. אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ לאַנגע, אַ רויטע און ברוגזאַראָפּגעלאָזטע, צוויי קליינע, ווייט אָפּגערוקטע, טונקל-מבוהלדיקע אייגעלעך, וואָס הערן נישט אויף אינדערגיך צו פינטלען און קוקן תּמיד ערגיץ איבער די דעכער, שווייגנדיק-פאַרווירטע, בלאָנדזשענדיק-פאַראומערטע און צעטומלט-מרה-שחורהדיקע. זיכער ביי זיך, אַז ר'איז דערגאַנגען אין קבלה-מעשית ביזן סוף, קען די באַהאַלטענע שמות און ווייסט די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון אַלע היכלות, — האָט שמעון אָפּגעפּאַסט צו פאַרריכטן דאָס, וואָס ר' יוסף דילה רינה האָט קאַליע געמאַכט, אויסגעפינען דעם שטן און אָן שום דערבאַרעמדיקייט פון אים מאַכן אַ תּל... נאָך עטלעכע וואָכן פריער, איידער ר'איז אַוועק אין גלות, האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטון צום אַלטן אייזשע גבאי מיט צאָרן און מיט קריצנדיקע ציין:

— דילה רינה איז געווען אַ רשע און אַ שוטה דערצו!... פון מיינע הענט וואָלט ער מער נישט אַרויס קיין לעבעדיקער, סמאל דער כּמא!...

שמעון האָט אים איצט אַרומגעזוכט דורך אַן „התגלות" אין אַ חלום, דער עיקר צווישן סוחרים אין מערק, האָט דוקא געוואָלט אויסזען, ווי אַ גראָבער יונג, אַ משוגענער, כּדי דער ס"ם זאָל אים נישט דערקענען און נישט וויסן, אַז ער לאָקערט אויף אים און איז גרייט אים צו בינדן און דערשטיקן מיט אַ דין גאַרטעלע, אַ ירושה פון ר' ליב שרהס... ער איז געגאַנגען צו פוס פון איין ישוב צום אַנדערן, טעג און נעכט אַרומגעטשאַפּעט אויף פרעמדע וועגן מיט אַ קרומער, סענקאַטער צווייג אין דער האַנט, האָט געטרונקען וואַסער פון פּוילישע ברונעמער און מכבד געווען די דאָרפס-הינט מיט דאַרע, פאַרשימלטע שטיקער ברויט פון זיין טלית-זאַק:

צוגעטשעפּעט אַ שײנער ייִד אָדער אַ רבּ און גענומען אים דערקוטשען מיט זײַנע שאלות פֿון וואַנען ער קומט, וווּ ער גייט און צו וואָס — האָט שמעון דעם רבינס מוראדיק פאַרצויגן די ברעמען, אָפּגעמאָסטן יענעם מיט גאווה און ביטול פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און ער האָט געמורמלט גיך און צעדרייט. דאָס אויסגעצערטע, מאָגערע פּנים האָט אַזש געצוקט פֿון פאַרדרוס:

— מ׳קומט און מ׳גייט... נו... לאָזט געמאַך!...

— איר פאַרבלײַבט דאָ שבת?

— נישט דאָ... איר ווייסט נישט, וואָס ס׳איז אַזוינס שבת און ווען... טוט דאָס אײַעריקע!...

שמעון האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער ספרים־שאַנק, אַרויסגעשלעפּט אַ קבלה־ספר, צוגעשטעלט די געל־אָפּגעבליאַקעוועטע בלעטער צום סאַמע שוואַרצאַפּל, שעהן לאַנג גליווערנדיק און פאַרשטײנערט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, שווער געשנאָרכט און געסאָפּעט, בלייך געווען, ווי אַ מת. אַממײנסטן איז ער שטילערהייט אַרויפֿגעקראָכן מיט די הילצערנע, קרומע טרעפּ אין עזרת־נשים, פאַררינגלט הינטער זיך די טיר, פאַרשטעלט מיט דעמבענע שטענדערס, אַז ס׳זאָל קיינער צו אים נישט אַרײַן, אויסגעטון די שטיוול און געטרעטן באָרוויס, בּדי מ׳זאָל נישט אונטן דערהערן זײַנע טריט. דורך די האַלב־קיילעכיקע, לאַנגע, צעעפֿנטע פענסטער האָט דאָ אַרײַנגעשײַנט אַ ווײַסע, קאַלט־בוידעמדיקע העלקייט, ס׳האָט געשמעקט מיט שטויב, אויסגעוועפּטן וואַקס, נאַפּטאַלין און מיט ווײַבערישע שבת־קליידער. ס׳האָט זיך דאָ אַמאָל געדרייט אַ פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרשטומטע קאָזע מיט אַ געל־פאַרפּאַפּטער באָרד, ס׳האָט געגרילצט מיד און אָפּגעהאַקט אַ שלעפּעריקע גריל, עטלעכע פֿײגעלעך האָבן אַרומגעהיפּקעט און געפּויקט מיט זייערע קליינע, גלאַנציקע שנאָבעלעך אין אַ צעפּליקטער שמה. נאָך גאַנצע וואָכן נישט דאַווענען און יוצא־זײַן בלויז מיט כּוונות און יחודים — פלעגט דאָ שמעון אָנטון זײַן געלן, פאַרחלבטן טערקישן טלית מיט דער געל־געוואָרענער עטרה, געלייגט צו צוויי פּאָר צעשפּאָלטענע תּפֿילין אויפֿן קאָפּ און אָרעם, נישט אויפֿגעהערט ציטערן ס׳זאָל עמעץ נישט אָנקומען און געשאָקלט מיט די וויעס, געגעבן סמנים און צײכנס דעם שר־התּפֿילות... ער האָט געזאָגט אויף אויסנווייניק גיך־זשוזשענדיק און פאָרזיכטיק, געקניט, ווי אין יום־כּיפּור צו כּורעים, און אין סאַמע מיטן קאַפּיטל האָט ער גענומען



אײַנקוקן זיך אין די בלאַסע פלאַטשיקע נעגל פֿון זײַנע פֿינגער, צושאָקלען אויף „יאָ” און רעדן צו זיך אַליין...

— הייסט עס, אַז עתּיק־יומין האָט זיך אָפּגערוקט און לייגט אַרויף די גאַנצע אַרבעט אויף מיר... מורא געקריגן, הע?...

— אַז סמאל גייט אום און פאַרשטעלט זיך גאָר פאַר אַ זאַמדפּירער... גיי זוך דעם נעכטיקן טאָג!...

שמעון האָט זיך פאַרטראַכט, לאַנג געגאַפּעט זיך אויף איין שוואַרץ פּינטעלע אין אַ גרין פֿעלד, וווּ די וואָלקנס פֿאַלן אַראָפּ, דערקענט, אַז עמעץ אַקערט דאָרטן מיט אַ בהמה, געוווּסט, אַז מ׳הויבט אָן זייען ווינטער־תּבֿואות און אַז צו ימים־נוראים איז נישט ווײַט... אַ דרימלענדיקער נאָך אַ סך נעכט נישט צו־טון קיין ברעם, אַ פאַרחלשטער און פאַרצערטער פֿון הונגערן, מיט אויסגעהוילטע אָפּגענומענע אבֿרים און מיט אַן אויסגעלערט האַרץ — האָט ער טעמפּ און פלאָטערנדיק געטראַכט, אַז ער וואָלט גאָר געדאַרפֿט אַוועק צום ברעג פֿון ים, האָט זיצנדיקערהייט געזען חלומות: — אין טונקעלער הימלישער בלויקייט איז געלאָפֿן אַ ריזיקער, פֿייער־רויטער קאָטער, אויף געלן, מדבּרדיקן זאַמד איז געשטאַנען אַ טורעם מיט דריי אויגן אין מיטן; אַ לייב, ווי דאָס גרעסטע הויז, האָט ברייט צעעפֿנט דעם פּיסק מיט אײַנשלינגענדיקער רציחה, געשפּיגן מיט ברענענדיקן שוים, און זײַן קול איז געפֿאַלן מיט קאָכנדיקער רייסערײַ, כּעס און גבֿורה:

— ווי איז דיר, שמעון, דען דו האָסט מײַן נאָמען פאַרשוועכט!... גייסט אַרום און ביסט מטמא נשים!... וויי — וויי!...

שמעון איז אויפֿגעשפּרונגען, ווי פֿון אַ ביס, אינגאַנצן געווען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן, פֿרירנדיקן שווייס, געפֿילט, אַז די הויט איז בײַ אים ווי אַ זיפּ פֿון גרויליקן פּחד און זיך אָפּגעשאָקלט, געוווּסט, אַז די סטרא־אחרא פאַרנעמט זיך אויף אים מיט אַלע כּוחות און וויל אים פאַראומרייניקן... דאָס בלוט איז געלאָפֿן אין אים גיך און שיטער. אין חוט־השדרה איז געשטאַנען אַ פראָסטיקער שוידער און ס׳לײַב איז געווען שטײַף און קיל. אין מערבֿ האָט זיך געזעצט שוין די זון, אַ צעפלאַקערטע, אַ צעצינדענע, פאַרגאַנגען צווישן צוויי שוואַרצע, געוועלבטע בוימער, ווי אַ טויער... אַ חבֿרה קראָען האָבן געמאַכט רעדער אַרום אַ שטייענדיקער ווינט־מיל, אָנגעשטויסן זיך, אָפּגעשפּרונגען, אַלע צוזאַמען געקראַקעט און אין זייערע פֿליגל האָט געפלאַטערט דער צער און מורא פאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט מיט אַלע אירע חושך.

דיקע געשטאַלטן... האָט שמעון אין דער גיך אָפּגעוויקלט די אָפּגע-
שפּרונגענע רצועות, ווייט געשפּיגן פאַר זיך אין אַ בויגן, צעשפּרייט
די פיס און ער האָט וועגן עפּעס שטאַרק געחשבונט: געמורמלט,
פאַרשטעלט די פייכט-צעשוווּמענע אויגן, ווי פון צופיל ליכט און, אַפּנים,
נישט געקענט דערגיין צו קיין טאָלק... זיינע פּאַפּירן-דורכזיכטיקע
באַקן זענען געווען ווייס, תּעניתדיק-אָפּגעצויגן:
— איינגעשפּאַרט זיך און לאָזט נישט אַ רגע מנוחה... הע?...
מילא, וועט מען אַזוי וואָגלען אָן אַ סוף!...

II

נאָך אַכט טעג אַרומקריכן אויפן לענטשנער יאָר-יריד און גאָר-
נישט אויפטון פאַר דער גאולה וועגן, האָט שמעון אָנגעהויבן אַריינ-
פאַלן אין יאוש. פון פאַרטאָג אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער
זיך דאָ כסדר געדרייט צווישן די פורן, האָט געפּאָרקעט זיך מיט אַלע
סחורות, אין אַלע קראָמען געהייסן ווייזן זיך מוסטערן, געטאַפּט אין
זעק תּבואות, געלעקט פּרווּלעך מעל און אַפילו צוזאַמען מיט עטלעכע
קצבים געפּאַטשט אין אָקסישע שווייסיקע היפטן, געפּלאָנטערט זיך
צווישן די פיס און בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן: צוגענומען
בזיונות און אַפילו קלעפּ און שמיץ פון צעיאַכמערטע פּויערים, דער-
שוויצטע, אָנגעטרונקענע, מיט רויטע, פאַרנדיקע פּנימער, וואָס מ'גנבעט
ביי זיי פון אונטער די הענט אַוועק און פון גרויס כּעס שלאָגן זיי
ווּעמען נאָר ס'לאָזט זיך. ס'איז געווען תּיכּף נאָך סוכּות, ווען די
שפּייכלערס אין דאָרף זענען איבערגעפּולט. דער ברייטער בלאָטיקער און
גרוביקער מאַרק מיט אַלע גאַסן אַרום ביז ווייט זענען געווען גע-
דיכט אָנגעפּיקעוועט מיט וועגן און פערד. פון די צעפּראַלעטע טירן
אין די שענקען האָט כסדר געזעצט אַ האַרבע, ווייסע פּאַרע, ווי פון
אַ באָד. ס'האָבן זיך פון דאָרטן געטראָגן הייזעריקע קולות און גויישע
געזאַנגען. הויכע-שקצים מיט צעפּלאָסענע פלאַקסענע האָר און מיט
שיכּורע, פאַרלאָפענע אויגן פון צעהוליעטער פרייד און ליבע האָבן
געטאַנצט אָן אויפהער מיט שיקסעס אין ברייטע געבלימלטע קליידער,
בלוט-און-מילך-יונגע מיט שטייף-צונויפגעפּרעסטע, צעוואַקסענע בוזעמס.
די אויסגעהויכט-אָנגעוואַרעמטע, צעהוזשעטע לופט איז פול געווען מיט
געשריי פון אָן אַ שיעור מיילער, שפּילן פון האַרמאָנקעס, הירזשעריי,



קוויטשעריי פון געפּאַשעטע חזירים, מיט קרייען און קוואָקען פון עופות
פון גאַנץ פּוילן זענען אַהער געקומען יידן און גויים מיט זייערע
„שטעלעכלעך", ס'זענען זיך צונויפגעפּאָרן צום לענטשנער בעל-מופת פון
אַלע עקן עקרות און קאַליקעס, צעבראָכענע געמיטער און עגונות,
וואָס לעבן בלויז פון גוטע-יידישע ברכות, פאַרברענגען די אויסגע-
ווייניטע יאָרן אויף פורן, נעכטיקן קופּות-ווייז אין הקדש און אין כּאָ-
לישן, כּדי אָפּצוקומען פאַר פרעמדע זינד און אייגענעם ווייטיק אין
האַרץ... ס'האָט געשמעקט מיט חזיר, פויל שטרוי און מיסט, פון ווײ-
כער שטינקענדיקער לעדער און רויער פעל. אין סאַמע רעש און
וויגנדיקן געפּילדער, אין מיטן פּלאַץ, זענען געשטאַנען אויף אַ ברײ-
טער פּלאַטפאָרמע באַלייגט מיט קאַסטנס עטלעכע „טערקן" אין רויטע
טורבאַנען און אין ליינענע כאַלאַטן. זיי האָבן צלע געהאָפּסעט אין
הויכע פוטערנע ווילאַקעס, געמאַכט געוואַלדן אויף „טערקיש" צוזאַ-
מענגעמישט מיט פּויליש, געוואָרפן אין דער לופטן צינענע לעפל, גע-
צויגן פאַרביקע סטענגעס פון די מיילער, געשטאָכן לאַנגע מעסערס
אין די בייכער און געמאַכט אַזעלכע משונהדיקע העוויות, אַז די ערד
האָט געציטערט פון גראָבן, הילכיקן געלעכטער.
...דער אַלטער „פּייטוש" איז אין דער מלחמה נישט געווען און
קיין פּולווער נישט געשמעקט!.. הוררראַ—ביי!
...נאָכן טאַנץ פון כינעזער מיטן טאָטער וועט מען טיילן פּאָדים
אומזיסט!... טשעבי-טשו!
שמעון האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף דער דאָזיקער צייט, גע-
האַט אַ רמז פון זוהר און ברית-מנוחה, אַז דער שטן וועט זיך דאָ
געפינען און אויב מ'וועט אים קאָנען פאַנגען מיט תּחבולות — וועט
קומען משיח-בן-דוד... פון שרעק, אַז די סטרא-דשמאלא קאָן זיך דאָס-
מאָל אויך אַרויסנאַרן — האָט זיך שמעונען תּיכּף פאַרדרייט דער קאָפּ
דעם ערשטן טאָג, אַ צעהיצטער, אַ צעבראַסטעטער געהאַלטן אין איין
לויפן מיט צעבלאָזענע פּאָלעס, צו יעדן איינעם צוגעשטאַנען, עפּעס
אָנגעהויבן איינטענהן, ווייטער געאיילט מיט זיינע לאַנגע, דינע פיס,
ווי שטעקנס. אַלטע באַבעס אויף די קאָזלעס האָבן זיך פאַר אים גע-
שראָקן, געצלמט זיך, געדזשאַמדזשעט אָן ציין, אַז דער אַנטיכריסט
פּאָרעט זיך דאָ און געכאַפּט זיך צו די בייטשן... צו די פורן צוגע-
בונדענע מאָפּסן מיט קליינע עקלעך און קיילעכיק פאַרטערטע אויגן
פון פאַרבאַקענער באַליידיקטקייט און בייזקייט האָבן אים אָנגעכאַפּט

ביי די לידקעס, געביסן אין פלייש אַריין מיט דער גאַנצער עקשנות און בלוט-דורשטיקייט אין די פאַרריסענע נאָזלעכער. צום סוף האָט ער זיך צוגעטשעפעט צו אַן אַלטן בעטלער ביי דער תּפלה: אַ קליינער, אַ געבויגענער אין דרייען, אין אַ מין געלן קאַצאַפּישן האַבעלאַק ביז צו די באָרוויסע פיס מיט די צעדרייטע פינגער — באַוואַקסענע מיט גראָבע, קייַלעכיק-גלאַטע גולעס. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ ברייטן, אַ פלאַטשיק-אויסגעקראָכענעם מיט איבערגעבליבענע פלאַקסענע הערע-לעך, אַ סימן אויף אַמאָליקן פאַרך. אויפן האַלז האָט ער געטראָגן אַ סך לאַנגע שנירן שוואַרצע קרעלן באַזעצט מיט קופּערנע צלמים און בילד-לעך. אָנשטאָט אַ נאָז האָט ביי אים געהאָנגען אויף צוויי בענדלעך אַ שוואַרץ פלאַסטערל, טיף אַריינגעזעצט, אָנשטאָט אויגן זענען ביי אים געווען צוויי קייַלעכיקע, ווילד-פלייש-רויטע לעכלעך. דאָס אָפּגע-שיילטע, פאַרקרומטע, מצורעדיקע מויל האָט מיט קללה זיך געצויגן פון אויער צו אויער און ס'איז דערפון כסדר גערינען דער גאַווער. אַז שמעון האָט אים דערזען — זענען פלוצלינג זיינע שגעון-אייגעלעך געוואָרן ברייט-אויפגעריסן, הענט און פיס האָבן זיך ביי אים גענומען וואַרפן. אַ זיכערער, אַז דאָ האָט ער סוף-כל-סוף געפאַקט סמאלן — האָט עס אים אַזוי אונטערגעטראָגן, אַז ר'האָט אויף איין מאָל פאַר-געסן אַלע שמות און יחודים, די אָפּגעשטאָרבענע צונג האָט זיך גע-דרייט אין מויל און געפרווט רעדן לעת-עתה אויף גויש, כדי זיך נישט באַלד אויסצוגעבן...

— טו—טו—טו... גראָשי... מאַש... וועזש...

שמעון האָט אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין די טיפענישן פון זיינע קעשענעס, געשלעפּט אָפּגעריבענע אַלט-רוסישע דרייערס, קופּער-געלט מיט אַ לאָך אין דערמיטן, אַריינגעוואָרפן אין היטל איינציקווייז, זיך דערמאָנט, אַז קודם-כל דאַרף ער מאַכן אַרום דעם שטן אַן „עיגול" פיר איילן ברייט און תּיכּף גענומען מיט אַ האָלץ גראַבלען אין מיסט, דעכענדיק שווער און שעפּטשענדיק משונה גיך און אָן אַן אָטעם. דער גאָרגל זיינער האָט זיך אַרויסגעזעצט מיט אַ דאָרשטיקן, שאַרפן שפּיץ, די הויכע יאַרמולקע האָט זיך געהויבן אין דער לופטן, ווי אַ שטערצל איבער פאַרע, מיט דעם וווּנדערלעכן, סודותדיקן, איבערמענטשלעכן כח, וואָס זיצט נאָר אין מטורפים... די ווערטער האָבן זיך געשיט פון זיין מויל, ווי אַרבעס: — די לאַנגע, אויסטערלישע, יענע-וועלטישע



שמות פון תּיקוני-זהר און ספר-יצירה, פון וועלכע חדר-יינגלעך ווערן דערשראָקן און ווייס...

— ...השרף הגדול והגבור והנורא יְיָדְסֶהֶהְקְשְׁטְזִיאֵל... המלאך הרם והנשא צֶפְצְפֶּבֶּצַן...

עטלעכע פויערן אין שפּענצערס, הויכע שטיוול, אין בלאָע היטן מיט גלאַנציקע דאַשקעס, האָבן זיך גענומען אומקוקן מיט שטוינונג, תּיכּף באַקומען אַ חשד, אַז דער „זשיד" וויל מיט עפּעס אַ חכמהלע און דריידל אויסנאַרן ביי דער קאַליקע די נדבות, געדרייט די ביער-געלע, פייכטע וואָנסן מיט שנאה און געדולדיקער נייגעריקייט, וואָס וואָס ס'וועט זיין דער סוף... אַ קליין פויערל אין אַ ווייסער זשיפּיצע און מיט אַ געוואַלדיקן באַראַן-הוט אויפן קאָפּ, אַ שוואַרצער, ווי אַ גרוזינער, מיט אַ קרומער יידישער נאָז, איז צוגעלאָפן גיך, אָנגעהויבן שרייען אויף יוניש און פלוצים האָבן זיינע האַרטע, אייזערנע קולאַקעס גענומען קלאַפּן שמעונען אין קאָפּ, אין פּנים. די ערד אונטער שמעונס פיס האָט זיך אַ נויג געטון אין איין זייט, אין חלל זענען געלאָפן דיקע, פייערדיקע פינטלען און ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז אַ סך גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען אויף אַמאָל. טויזנטער קולות האָבן אויף איין מאָל אַ ריטש געטון מיט אויסגעצויגענער לויהשער יללה און זינגנדי-קער קלאַג:

— וויי-וויי! די קליפּה האָט גובר געווען!... פאַלסט אין תּהום!... וויי-וויי!

שמעון איז אומגעפאַלן אַ חלשנדיקער, געעפנט שפּעטער די אויגן אין מיטן-נאַכטיקער חשכות, ווייטער איינגעשלאָפן האַרט, אָן חלומות. ווען שמעון האָט זיך סוף-כל-סוף אויפגעהויבן — אַן אויסגע-שמירטער, מיט נישט-פאַרהיילטע ביילן און בולט-אַרויסגעזעצטע אויגן-גאַלקעס — איז שוין דער יריד געהאַט זיך צעפאָרן. ס'איז געווען פאַרנאַכט, בין-השמשות. פון פאַרוואָלקנטן נידריק-בלייענעם הימל איז געפאַלן אַ דין, שיטער רעגנדל, אין שוואַרצע, מטושטושע לעכער פון געוועלבלעך האָבן טיף געגליט, ווי טליענדיקע קוילן, רויטע פייערלעך פון נאַכט-לעמפלעך און קאַגאַניקעס. אַלץ האָט חשכדיק געבלענדט. הויכע, צעשווומענע געשטאַלטן, פלעקן האָבן דורכגעאיילט, ווי אויף שטאָלצן, מיט נישט-געוויינלעכער גיכקייט, זיך אָנגעשטויסן איינס אין אַנדערן, אויסגעזען צו גיין אין דער ברייט, צו-נישט-געוואָרן... שמעון איז געזונקען ביז די קניען, לאַנג געקראָכן באַרג-אַראָפּ, געטאַפּט אין

דער פינסטערניש פאַר זיך, אָנגעקלאַפּט זיך אין אַ בוים. דער שאַרבן איז געווען ליידיק און הויל, די שטייפע פיס האָבן זיך געשאַרט פון זיך אַליין, אָן אַ צוועק. ס'האָט געמוזט זיין שפּעט, ווייל אומעטום זענען געווען די לאָדן פאַרהעמערט. ווייט אַראָפּ, ערגעץ ביי דער אַלטער חרובער מיל, האָט אין אַ קליין פענסטערל געלויכטן אַ ליכט, געצאַנקט און געקאָפּטשעט מיט אַ לאַנג שנירל רויך. שמעון איז אַריין אין דער טיר. די ווענט זענען געווען ליידיק, אָפּגעריסן און פול מיט שפּינוועבס. ביים טיש איז געזעסן לעבן אַן אָפן ספר אַן אַלטער מאַנ־ער מ'האָט דורכגעזען אַ לאַנגן, געלן טלית־קטן: — אַ ברייטער, אַ די־קער מיט אַ ברייטער קאָלטאַנעוואַטער באָרד אין די סאַמע אויגן אַריין, אַ גרוי־גרינע, אַ קלעביק־פאַרפּלאָנטערטע. דער ספּאָדיק איז געווען טיף אַראָפּגערוקט, די קליינע, בייז־הקפּדהשע אייגעלעך זענען אינגאַנצן געווען פאַרשטעלט מיט גרויסע ברעמען־באַרשטן. זיין באַבערדלטע נאָז מיט די גרויסע, האָריקע נאָזלעכער איז געווען פאַרקרומט און פאַרקנייטשט און נישט אויפגעהערט סמראָקן אין אָפּענעם בלאַט אַריין, ווי ס'זאָל איר קשה זיין אַ האַרבע קשיה... ער האָט לאַנג זיך נישט אומגעקוקט, געשמעקט טאַבאַק פון אַ ביינערנער פּושקע אין סאַמע מוח אַריין, געוואָרטשעט צו זיך אַליין. סוף־כל־סוף דערהערט, אַז ס'איז דאָ עמעץ פאַראַן — האָט ער זיך האַסטיק אַ ריס געטון, אַ טופּע געטון, און זיין קול איז געווען דומפּיק און מלא כעס.

— ווער איז דאָ שוין ווידער?! הע!

— איך...

— ווער ביסטו?! וואָס ווילסטו! הע!

שמעון האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געוואָלט עפּעס זאָגן, געפילט, אַז ער האָט נישט קיין שליטה איבער דער צונג. דער רבי איז אויפגעשטאַנען, אָנגעשפּאַרט זיך שווער אין דער וואַנט, האָט אויפגעהויבן אַ ברעם: געקוקט אויף שמעונען מיט איין שוואַרצאַפּל, אַ שוואַרצער, אַ פאַרכטיקער, ווי אַ טיפע מקווה, דורכגענומען אים אַדורך־און־אַדורך.

— ווי הייסטו?

— איך... כ'הייס אינגאַנצן נישט... נישטאָ פאַר מיין נאָמען קיין אותיות...

— ווער ביסטו! וואָס טוסטו!...



— איך... כ'געדענק נישט... כ'ווייס אַליין נישט... כ'בין אַ פאַרבאָרגענער און פאַרהוילענער...

— רעד! לייקן נישט! — האָט דער רבי געטון אַ געשריי, אַ כאַפּ געטון פון טיש דעם לאַנגן לולקע־ציבוק, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט אַ קלאַפּ טון — זאָג פון וואָסער וועלט ביסטו!...

דער רבי האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קרומער קעשענע אַ בלאָז מיט מאַכאָרקע, אָנגעשיט, אָנגעשטעלט די לאַנגע, האָריקע אויערן, גרייט צו הערן. שמעון האָט זיך אָפּגערוקט הינטערוויילעכץ, אַ טאַפּ געטון אין אָפּגעשיילטן אָנגעשוואָלענעם פּנים, אויסגעבויגן זיך פאָרויס, און זיך אַ קער געטון, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַרויסדרייען פון דער טיר, ווי דאַמאָלס ווען מ'איז זיך טועה...

— ניין... דאָס... כ'מיין צו זאָגן... נישט צו אייך בין איך געקומען... אימא עילאה ליגט געבונדן מיט אייזערנע קייטן און אויפן הר־שעיר שפּרינגען אַרום שוואַרצע אָקסן... גרויס איז דער פּרצוף און נאָך גרעסער איז דער האָרן, וואָס וואַקסט ביי אים אויף דער נאָז... נישט איר האָט אַן השגה אין אַזעלכע זאַכן און נישט איר האָט גרייט די רצופים... אייערסטאַלבן מעג אַפילו לילית אַרומרייטן אויפן חומר־היולי... ווייניק זענען דאָ נשמות, וואָס פילן דעם צער דערפון!...

ער האָט פונדעסטוועגן תיכף אָנגעהויבן רעדן — דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזויפיל יאָרן. זיינע ווערטער זענען געווען אָפּגעהאַקטע, משונה־גיך און דראָבנע אַרויסגעוואָרפענע, ווי בעת מ'רעדט אין שלאָף... ער האָט בשעת־מעשה געמאַכט תנועות מיט די הענט, אומגעגאַנגען אַהין־און־צוריק איבער דער שטוב, אַנטשוויגן געוואָרן אויף לאַנג און פּלוצלינג ווידער אָנגעהויבן, קוקנדיק ערגיץ אַ מבולבלדיקער. דער מוח איז געווען זאַמדיק און פאַרטעמפּט, נאָר דאָס דין־ליפּיקע, מיוחסדיקע מויל, אַ קרימלעכס פון לאַנגן האַלטן אַלץ אין זיך, האָט דערציילט: אָן אַ סדר און היפּערנדיק גערעדט וועגן דורכפליענדיקע, אַנטלויפנדיקע דאגות, געמישט נעמען און זאַכן, געטענהט מיט פּלוצלינגער אונטערטעניקייט און צעדולטער, דערדריקטער פּיין, אַז די עשר־ספירות זענען עפּעס נישט ווי ס'דאַרף צו זיין, און באַלד איבערגעגאַנגען דערויף, וואָס ס'איז שווער צו דערגיין דעם חילוק פון חלום און וואָר... אַלץ דרייט זיך אין די עולמות, קרייזלט זיך, און דער בליק האָט נישט קיין אָנהאַלטעניש... דער רבי האָט אַלץ שטאַרקער געפּאַפּעט, אָנגעפילט די שטוב מיט געדיכטן, ווייסן רויך. דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן

רויט און באַגאָסן מיט אַנגסטן. ער האָט אויפגעהויבן אויף די אַנדערע ברעם. זיין קול איז געווען פראַכנדיק, כאָרכלענדיק-פאַרענדערט. דער טאָפלטער שאָטן אויף דער וואַנט איז געווען קנויליק און אימהדיק.

— בלאָנקעסט דיך אַרום אויפן עולם הדמיון, הע? — — יאָגסט דיך נאָך עפּעס און ווייסט נישט נאָך וואָס, הע? — — אַלץ איז אָפּגענאַרט... קיין זאַך האָט נישט קיין ממשות?...

— ניין...

— זוכסט עפּעס און ס'צעגייט דיר אונטער די הענט... בלאָנדזשעסט אַרום און דרייסט דיך אין אַ ראָד... געפינסט נישט די אייגענע צורה, הע?

— ניין...

— נו מילא, וואָס-זשע מאַכסטו דיך נאַריש! — האָט דער רבי זיך גענומען אָפּרוקן פּחדימדיק-הינטערווייליכק, מיט ביידע ברעמען אין די הענט. — אַ בלינדער זעט דאָך, אַז ביסט אַ בר-מינן... קנעפּל אויף די קאַפּאָטע, וועסטו זען, אַז גייסט אין תכריכים!... — — —

— — — — — — — — — — — — — —

די טיר האָט זיך הינטער אים פאַרקלאַפּט. אין פינסטערן, טאָליקן חלל, ווי אַ צעעפנטער תהום, האָבן זיך געשוואַרצט פאַרריסענע, קלעטערנדיקע קעפּ פון טאָפּאָלעס; אין דער טיפעניש אונטער די וואַקלדיקע טריט האָט גערוישט און שוימיק-געריזלט אַ וואַסער, שמעון האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין מלבוש, איינגעטוליעט זיך, איינגעקנאָדערט זיך און אַזוי גייענדיק — געקייקלט זיך באַרג-אַראָפּ. אַ מיטנאַכטיש אָנגעיאָגטער ווינט האָט אים קאַלט און בלאָזיק אַ כאַפּ געטון, ווי אַ פּאַם, ביי די פּאָלעס, געטראָגן אים און געריסן מיט געהויל און וואָרטשעריי, ווי אַ מחנה אָנגערייצטע כלבים...

# שיף סאַטורן

פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

אויף זילבערנע בליצן פון פינצטערן וואַסער
וויגט זיך „סאַטורן“.
„סאַטורן“ איז גרייט.
עס שיטן די כוואַליעס מיט ווייסן, מיט בלייענעם שרויט
און בילן פון ווייטן ווי הינט,
ווען אַ וואָלף איז אין דאָרף.
פאַמעלעך די מעוועס אויף שפּיציקע פליגל
באַגלייטן די שיף,
און פייפן מיט דינינקע פויגלשע פייפלעך
אַנטקעגן דעם ווינט.
עס ברעכט זיך סאַטורן,
און שניידט-אויס אויף וואַסער אַ ווייסן אַ זילבערנעם רייף,
און ס'פּלאַטערן אותיות שוואַרצע פון פאָן
„סאַטורן איז גרייט“.

*  *
*

איז מיין האַרץ איצטער שטאַרק,
און האַרט, ווי אַ מאַנסבילש לייב,
און די הענט זענען שפּיציק און לייכט
און ביינן זיך אויס,